# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי **שמעיה לעוו** שליט"א

דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

## משפטים - שקלים

לעילוי נשמת

הרה"ח מקים עולה של תורה

ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל ישכר זלה"ה

ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'
020 81917000
[ex3,1.11.1]

'שגיאות מי יבין' - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו"ל למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד:
א. י. גרינוואלד 054-8494370 (972)

# תוכן הענינים

## מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק


הַדָּן אֱמֶת לַאֲמִיתּוֹ............................................................ ד

דֶער שֶׁקֶר בְּלַייבְּט אֵיינְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ.................................. ה

מֻתָּר לְשַׁנּוֹת מִפְּנֵי דַּרְכֵי שָׁלוֹם.................................................. ה

עַלְמָא דְשִׁיקְרָא...................................................................... ו

ווי אַזוֹי קֶען מֶען טַאקֶע לֶעבְּן אַן אֱמֶת'ע לֶעבְּן.................................. ח

דּוֹבֵר אֱמֶת אֲפִלּוּ בִּלְבָבוֹ.............................................................. ט


## פָּרָשַׁת שְׁקָלִים


מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל......................................................................... י

נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא גַאנְצֶע זַאךְ ווי אַ צוּבְּרָאכְן הַארְץ.............................. יא

אַלְס אִיז פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים.................................................. יג

דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה בַּיים בְּרֶענְגֶען דִי שְׁקָלִים.................................. יד

דִי מַעֲשֶׂה פוּן אַחְאָב אוּן אִיזֶבֶל.................................................... יד

בִּשְׁעַת דִי קְרִיאָה - מְעוֹרֵר זַיין דִי גְאוּלָה........................................ טז

# פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים

## מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק

☆ הַדָּן אֱמֶת לַאֲמִיתּוֹ ☆ דֶער שֶׁקֶר בְּלֵייבְּט אֵיינְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ ☆ מֻתָּר לְשַׁנּוֹת מִפְּנֵי דַּרְכֵי שָׁלוֹם ☆ עַלְמָא דְשִׁיקְרָא ☆ וִוי אַזוֹי קֶען מֶען טַאקֶע לֶעבְּן אַן אֱמֶת'ע לֶעבְּן ☆ דּוֹבֵר אֱמֶת אֲפִלּוּ בִּלְבָבוֹ

### הַדָּן אֱמֶת לַאֲמִיתּוֹ

**אִין** דִי וָואכְ'דִיגֶע פָּרָשָׁה שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (כג ז) **מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק.** אוֹיסֶער דִי מִצְוָה אַלֵיין, אַז דִי תּוֹרָה בַּאפֶעלְט אוּנְז צוּ רֶעדְן נָאר אֱמֶת'ע רֵייד, אוּן נִישְׁט זָאגְן קֵיין לִיגֶענְט ח"ו, אִיז דָאס אוֹיךְ אַ שְׁלִיסְל צוּ קֶענֶען עֶרְפִילְן דִי מִצְוֹת פוּן אַסַאךְ דִינִים, וָואס דָאס אִיז אֵיינֶער פוּן דִי הוֹיפְּט מִצְוֹת וָואס שְׁטֵייט דִי וָואךְ אִין דִי תּוֹרָה[א], וֵוייל דֶער יְסוֹד פוּן דִינִים אִיז מִדַּת הָאֱמֶת, אַ דִין וָואס אִיז נִישְׁט אֱמֶת אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין דִין.

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט וָואס דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים זָאגְן, אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה, וָואס דִי תּוֹרָה אַלֵיין בַּאפֶעלְט 'תִּרְחָק' אַז מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוֵוייטֶערְן, אִיז דֶער אִסּוּר פוּן שֶׁקֶר. בֵּיי גָאר אַסַאךְ עֲבֵירוֹת הָאבְּן דִי חֲכָמִים פַארְשְׁטַאנֶען אַז זֵיי דַארְפְן צוּלֵייגְן גְּדָרִים וּסְיָגִים, אָבֶּער בֵּיי 'שֶׁקֶר' הָאט דִי תּוֹרָה אַלֵיינְס גֶעשְׁרִיבְּן 'תִּרְחָק' זִיךְ דֶערְוֵוייטֶערְן, דִי תּוֹרָה אַלֵיין הָאט גֶעמַאכְט דִי גְּדָרִים וּסְיָגִים אַז מֶען זָאל שְׁטֵיין וֵוייט פוּן לִיגֶענְט, דָאס וֵוייזְט אוּנְז וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זֵיין גֶעוָוארְנְט, אִין דֶער הַארְבְּקֵייט פוּן שֶׁקֶר (עיין שפת אמת שופטים ד"ה שופטים)

**אִין** חֲזַ"ל זֶעעְן מִיר דֶער עִנְיַן, אַז וִוייבַּאלְד דִי תּוֹרָה הָאט גֶעהֵייסְן **מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק** זֶענֶען מִיר בַּאפוֹילְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ דֶערְוֵוייטֶערְן פוּן שֶׁקֶר אוֹיף אַלֶע סָארְטְן אוֹפַנִים. וִוי דִי גְּמָרָא (שבועות לא.) דַּרְשְׁ'נְט אַרוֹיס פוּנֶעם פָּסוּק (כג ז) מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק, פַארְשִׁידֶענֶע הֲלָכוֹת, וִוי צ.ב.ש. אַ דַּיָּן מֶעג נִישְׁט זִיצְן מִיט אַ בּוֹר – אַ לֵיידִיג-גֵייעֶר, אוּן אַדוּרְךְ רֶעדְן מִיט אִים דֶער דִין, וִוייבַּאלְד דֶער לֵיידִיג-גֵייעֶר וָואס קֶען נִישְׁט קֵיין הֲלָכוֹת וֶועט צוּמִישְׁן אוּן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם דַּיָּן, אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען אַ

---

**א.** די נאמען פון די פרשה איז "משפטים", און זייער אסאך מצות פון די וואך איז מצות וואס ליגט אויף בי"ד, ווען עס ווערט א דין ודברים צווישען איינעם און צווייטען.

קְלָארֶע פְּסַק, און דֶער דַיָּן אִיז עוֹבֵר אוֹיף 'מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק'.

**אַזוֹי** אוֹיךְ טָאר אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט זָאגְן קֵיין עֵדוּת, מִיט אֵיינֶעם וָואס עֶר וֵוייסְט קְלָאר אַז יֶענֶער אִיז אַ גַּזְלָן, טְרָאץ דֶעם וָואס דִי עֵדוּת אִיז אִינְגַאנְצְן אֱמֶת, דָאךְ טָאר עֶר נִישְׁט זָאגְן עֵדוּת מִיט אַזַא אֵיינֶער. עֶס אִיז מַשְׁמַע אַז דִי אַלֶע זַאכְן גֵייט אַרֵיין דִי כְּלַל פוּן 'מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק', כָאטְשׁ וָואס דָאס הֵייסְט נִישְׁט מַמָּשׁ גֶעזָאגְט שֶׁקֶר, אָבֶער וַוייבַּאלְד דִי תּוֹרָה הָאט גֶעהֵייסְן זִיךְ צוּ דֶערְוֵוייטֶערְן פוּן שֶׁקֶר מֵיינְט עֶס אוֹיךְ דִי אַלֶע פֶּעלֶער.

## דֶער שֶׁקֶר בְּלֵייבְּט אֵיינְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ

**רַבֵּנוּ** הַקָּדוֹשׁ מִסַּאטְמַאר זי"ע פְּרֶעגְט: לְכָאוֹרָה דַארְף מֶען זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זֵיין פַארְוָואס טַאקֶע בַּאוָוארְנְט אוּנְז דִי תּוֹרָה אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוֵוייטֶערְן פוּן שֶׁקֶר, וָואס אִיז דָאס מֶער וִויכְטִיג וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע אִיסוּרִים?

**דֶער** רַבִּי זי"ע אִיז דָאס מְבָאֵר, בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט חָלִילָה נִכְשַׁל דֶערִין, פַּסְלְ'ט עֶס נִישְׁט זֵיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אָבֶער אֵיינֶער וָואס אִיז אַ לִיגְעֶנער, וֶוערְט דֶער גַאנְצֶע מֶענְטְשׁ אַ לִיגְעֶנער, דִי מִדַּת הַשֶּׁקֶר אִיז מַשְׁפִּיעַ אוֹיף זֵיין גַאנְצֶע וֶועזְן אוֹיף זֵיין גַאנְצֶע מְצִיאוּת, דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין וֶוערְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן אַ לִיגְעֶנער, אִין יֶעדֶע מִצְוָה אוּן דָּבָר טוֹב[ב] וָואס עֶר טוּט אִיז אוֹיךְ אַרֵיינְגֶעמִישְׁט אִין דֶעם שֶׁקֶר[ג]. דֶערְפַאר זָאגְט אוּנְז דִי תּוֹרָה **תִּרְחָק**, שְׁטֵיי וַוייט פוּן לִיגְנְט!

## מֻתָּר לְשַׁנּוֹת מִפְּנֵי דַּרְכֵי שָׁלוֹם

**נָאךְ** אַ טַעַם (וקרוב לזה בספר דברי יואל פר' תולדות), וַוייבַּאלְד עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען פֶּעלֶער וִוי מְ'מֶעג זָאגְן לִיגְנְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין חֲזַ"ל (בבא מציעא כג: יבמות סה:) מִפְּנֵי דַּרְכֵי שָׁלוֹם, אָדֶער אֲפִלּוּ וִוי עֶס שְׁטֵייט (תהלים יח כז) **עִם עִקֵּשׁ תִּתְפַּתָּל**, אַז מְ'מֶעג אֲפִלּוּ אוֹיסְנַארְן אַ רָשָׁע[ד], וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער תּוֹרָה 'תִּרְחָק', צוּלִיב דֶעם וָואס

---

**ב.** בפרט ווען עס קומט צו לערנען די הייליגע תורה, תורת אמת וואס איז חותמו של הקב"ה אמת, איז גאר שווער ווען מ'איז א שקרן!

**ג.** דער רבי זי"ע ברענגט פון הרה"ק ר' פנחס קאריצער זי"ע ציטערדיגע ווערטע: ווען א מענטש איז א ליגענער, העלפט נישט קיין תשובה און חרטה, ווייל ווען א מענטש געוואוינט זיך איין צו זאגן ליגנט, ווערט זיין גאנצן מהות א ליגענער, און אפילו ער טוט תשובה, איז זיין תשובה זיכער נישט מיט א ריינע אמת'ע הארץ, וויבאלד ער איז איינגעוואוינט צו רעדן ליגנטס.

**ד.** באמת איז דאס נאר אן היתר פאר א גדול בישראל, א גרויסע און חשובע מענטש, וויבאלד סתם א מענטש האט דאך נגיעות צו זאגן ליגנט ווען עס איז גוט פאר אים, ממילא פעלט זיך אויס צו זיין א גרויסע מענטש צו קענען נוצן דעם היתר פון ליגנט, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (בראשית כז לה) בא אחיך במרמה בחכמת תורתו, יעקב האט געקענט זאגן ווערטער וואס מען האט געקענט פארטייטשן יעקב אבינו'ס ווערטער ווי ליגנט, נאר ווייל ער האט געהאט

עֶס אִיז דָא גֶעוִויסֶע פֶעלֶער וָואס עֶס אִיז מֻתָּר, דֶערפַאר דַארְף דִי תּוֹרָה עֶקְסְטֶער אָנְזָאגְן מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק.

## עַלְמָא דְשִׁיקְרָא

**דֶער** צֵדָה לַדֶּרֶךְ - אַ תַּלְמִיד פוּן לְבוּשׁ - עֶרְקְלֶערְט פַארְוָואס טַאקֶע שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה בַּיי שֶׁקֶר דִי וָוארְט 'תִּרְחָק', **שֶׁאֵין לְךָ עֲבֵירָה תְּדִירָה מְצוּיָה, כְּמוֹ דְּבַר שֶׁקֶר**, דֶער וֶועלְט אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט לִיגְנְט אוּן בְּלָאפֶערַייעְן, מֶען דְרֵייט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוּם אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן מִיט אַ נִסָּיוֹן פוּן שֶׁקֶר, דֶער אַלְגֶעמֵיינֶע לוּפְט אִיז אֵיין שְׁטִיק בְּלָאף מִיט לִיגְנְט.

**אוּן** עֶר בְּרֶענְגְט צְוֵויי בֵּיישְׁפִּילְן פוּן חֲזַ"ל ווִי מְ'זֶעהט אַז דֶער וֶועלְט אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט שֶׁקֶר.

**עֶס** שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ[ה] (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ח ה) **כְּשֶׁבָּא הקב"ה לִבְרֹא הָעוֹלָם** וֶוען השי"ת הָאט גֶעוָואלְט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, **אָמַר הָאֱמֶת לֹא נִבְרָא**, אִיז דֶער אֱמֶת גֶעקוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן גֶעזָאגְט "בַּאשַׁאף נִישְׁט דִי וֶועלְט", וֵוייל דִי וֶועלְט גֵייט זַיין אַן 'עוֹלָם הַשֶּׁקֶר'.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ נָאךְ פַאר שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית, אִיז גֶעוֶוען קְלָאר אַז דִי בְּרִיאָה קֶען נִישְׁט זַיין נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז מְעֹרָב דֶערִין שֶׁקֶר.

**אַזוֹי** אוֹיךְ זֶען מִיר אִין דִי גְּמָרָא (סַנְהֶדְרִין צ"ז.), רָבָא הָאט גֶעזָאגְט: קוֹדֶם הָאט אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז **נִישְׁטָא קֵיין אֱמֶת אוֹיף דֶער וֶועלְט**, בִּיז עֶס הָאט מִיר גֶעזָאגְט רַב טַבוֹת: אֲפִילוּ וֶוען מְ'וָואלְט אִים גֶעגֶעבְּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעזָאגְט אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט אֱמֶת.[ו] אוּן עֶר הָאט פַארְצֵיילְט אַז אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט 'קוּשְׁטָא' וָואס דָאס בַּאדֵייט אִין אַרַאמִישׁ 'אֱמֶת', וָואס אִין דֶער שְׁטָאט הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעזָאגְט קֵיין לִיגֶענְט, אוּן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן פַאר דִי צַייט. עֶר הָאט דָארְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן עֶס אִיז אִים גֶעבּוֹירְן צְוֵויי קִינְדֶער.[ז]

---

דער כח התורה, נאר אזא גרויסע צדיק ווי יעקב דער בחיר האבות, מעג נוצן דעם היתר פון עם עקש תתפתל (דברי יואל שם עפ"י ריטב"א ב"ב קכ"ג.).

**ה.** הובא גם במהרש"א חידושי אגדות על גמרא סנהדרין צ"ז. דלהלן.

**ו.** אן אנדערע גירסא אין די גמרא איז "רב טביומי". מ'קען מרמז זיין אין די גמרא די גרויסע טובה וואס עס איז דא ווען א מענטש רעדט נאר אמת, ווי עס איז מרומז אין די נעמען פון די אמוראים וואס זענען געווען נזהר אין מדת האמת, רב טבות און רב טביומי, א לשון פון טובה. (סדר היוחסין מאמר שני סדר האמוראים אות ט').

**ז.** נאך די צווייטע וועלט מלחמה האט דער גרויסער גאון וצדיק רבי מיכאל בער ווייסמאנדעל זי"ע געגרינדעט א נייע שטעטל אין אמעריקא. ווען ער האט געשריבן די תקנות פאר די שטאט האט ער דארט מתקן געווען אז אויב מ'כאפט א מענטש מיט א ליגענט דארף מען

**אַמָאל** – פַארְצֵיילְט עֶר וֵוייטֶער – הָאט זַיין וֵוייבּ זִיךְ גֶעוַואשְׁן, אוּן אַ שְׁכֵנָה אִיז גֶעקוּמֶען רֶעדְן מִיט אִיר, הָאט **רַב טֹבוֹת** נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסזָאגְן דֶעם אֱמֶת וואוּ זִי גֶעפִינְט זִיךְ (צוּלִיבּ צְנִיעוּת) הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז זִי אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, בַּאלְד זֶענֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן נִפְטַר גֶעוָוארְן בֵּיידֶע קִינְדֶער[ח].

**וֶוען** דִי מֶענְטְשְׁען פוּן שְׁטָאט זֶענֶען גֶעווּואוֹיר גֶעוָוארְן דֶערְפוּן, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן "וָואס הָאט דָא פַּאסִירְט אַזַא זַאךְ?" הָאט עֶר זֵיי פַארְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעבֶּעטְן מִיט רַחְמָנוּת אַז עֶר זָאל שׁוֹין אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער שְׁטָאט, אַז עֶס זָאל נִישְׁט גוֹרֵם זַיין חַס וְשלוֹם מִיתָה פַאר דִי שְׁטָאטִישֶׁע אֵיינְוואוֹינֶער!

**מִיר** זֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט לִיגְנְט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רָבָא הָאט גֶעהַאלְטְן אַז בְּעֶצֶם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען קֵיין גַאנְצֶע אֱמֶתֶ'ע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, יֶעדֶע זַאךְ הָאט אִין זִיךְ שֶׁקֶר, עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין רֵיינֶע זַאךְ וָואס אִיז כֻּלוֹ אֱמֶת!

**דָאס** אִיז גֶעוֶוען אִין דִי צֵייטְן פוּן רָבָא, מַה נַעֲנֶה אֲנַן אַבַּתְרֵהּ, הֵיינְטִיגֶע צֵייטְן אִין עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא, וָואס עֶס אִיז לֵיידֶער פוּלְקָם מְקֻיָּם גֶעוָוארְן דֶעם פָּסוּק (ישעי' נט טו) **וַתְּהִי אֱמֶת נֶעְדֶּרֶת**, דֶער אֱמֶתֶ'ע וֶועג אִיז בַּאהַאלְטְן, אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לוֹיפְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן נָאךְ נָאכְן שֶׁקֶר מִיט אַ גְרוֹיסֶע גֶעלוֹיף[ט].

**אִיז** אַוַודַאי גֶעוִויס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵיין אַז כְּדֵי צוּ זוֹכֶה זַיין צוּם מִדַּת הָאֱמֶת אִיז נִישְׁט קֵיין זַאךְ וָואס גֵייט

---

אים ווארענען, און אויב עס העלפט נישט מוז ער זיך אוועקציען פון שטאט.

עס קען זיין אז דער גרויסער צדיק וואס האט געשפירט אין זיין הארץ די אבידה פון כלל ישראל ביי די צווייטע מלחמה, האט געוואלט מאכן א שטאט וואס קיינער וועט נישט שטארבן פאר די צייט. אבער למעשה איז ער אליין נפטר געווארן יונג און עס איז נישט געווארן אויסגעפירט למעשה.

**ח.** דער מהרש"א (ח"א בתוך דבריו) דערמאנט אז ווען מען נעמט אוועק פון אמת אפילו נאר דער קליינער אלף (וואס איז די קלענסטע גימטריא), בלייבט רח"ל 'מת'.

**ט.** עלמא דקשוט יעדער איינער מיט "זיין" אמת

הרה"ק רבי יענקעלע פון פשעווארסק זי"ע האט פארציילט א געוואלדיגע מעשה, וואס ברענגט ארויס ווי ווייט אונז לעבן אין עולם השקר.

עס איז געווען א דיין וואס האטליידער גענומען שוחד, זיין שטייגער איז געווען, אז ער האט אויסגעטוהן זיין שיך, און דער בעל דין האט געדארפט אריין לייגן אונטער דעם טיש אינעם שיך פינעף גולדן-פולישע מטבעות, וואס איז געווען א שיינע סכום - און אזוי פלעגט ער פסק'נען ווי דער וואס האט אריין געלייגט דער שוחד.

איינמאל האט איינער אפגעמאכט אז ער גייט אפטון דער דיין, און אנשטאטס אריין לייגן פינעף

פֿוּן אֵיין מִינוּט צוּם צְוֵוייטְן, נָאר מֶען דַארְף אַסַאךְ הָארֶעוַואנְיֶע דֶערוֹיף[י].

## וְוִי אַזוֹי קֶען מֶען טַאקֶע לֶעבְן אַן אֱמֶתְ׳ע לֶעבְן

**וְוִי** אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינֶעם מִדַּת הָאֱמֶת, כָּאטְשׁ וָואס אוּנְז זֶענֶען אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט שֶׁקֶר אוּן בְּלָאפֶעְרֵייעֶן וָואס הֶערְשְׁט אוּמֶעטוּם? דִי עֶרְשְׁטֶער זַאךְ דַארְף מֶען וִויסְן – אַ זַאךְ וָואס אִיז נוֹגֵעַ אִין יֶעדֶע עִנְיַן פוּן עֲבוֹדַת ה׳ – יֶעדֶע קְלֵיין בִּיסְל וָואס מֶען אַרְבֶּעט אוֹיף אֱמֶת, דֶערְהֵייבְּט מֶען זִיךְ, אוּן עֶס הֶעלְפְט אַז מִיט דִי צֵייט זָאל מֶען קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן שֶׁקֶר.

---

גולדן, האט ער אריין געלייגט פינעף זלאטא"סף רוסישע מטבעות וואס איז נישט ווערד אסאך-, דער דיין האט געשפירט אז דער שטיוול איז פיל און ער האט גע'פסק'נט ווי אים, ווען ער איז אהיים געקומען און באמערקט ווי יענער בעל דין האט אים פיין אויסגעפאפט, האט ער זיך אנגערופן צו זיין בני בית "קוק אין וואספארא "עלמא דקשוט" מיר לעבן...."

רבי יענקעלע זי"ע האט מיט א אויסגעפירט: עס האט אים פארדראסן אז א צווייטע קען אויך זאגן ליגנט, דאס א מוסר פרק פאר אונז אריין צו טראכאן אז מיר זאלן ניש אויסזען ווי יענער דיין, אלע פאלטשקייטן פון די וועלט, קען מען פארנעמען, אבער וואס איז מיט אונזער אייגענע וועלטעל....?!

**י.** אויף מדת האמת דארף מען זיך אסאך פלאגן, און דאן העלפט השי"ת אז מ'איז זוכה דערצו.

עס איז געווען א איד וואס האט געוואוינט אין ליזענסק, ער איז נישט געווען קיין גרויסע תלמיד חכם, ער האט געלערנט וויפיל ער האט געקענט, און ער פלעגט זיצן אין שול און אויסהערן וואס הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע פלעגט זאגן פאר זיינע גרויסע תלמידים.

איינמאל האט ער געהערט, ווי ר' אלימלך זאגט פאר זיינע תלמידים, אז ווער עס איז זיך משלים אין עבודת האמת מיט א שלימות, ער איז מצליח נישט צו זאגן א גאנצע טאג קיין איין ווארט שקר, **ווערט פארערכנט ווי א צדיק הדור, און ער איז א בן עולם הבא.**

דער פשוט'ער איד האט מחליט געווען אז עס איז א גוט געשעפט, ער גייט אויספרוון נישט צו רעדן א גאנצע טאג קיין איין ווארט ליגנט, ער האט געמאכט א חשבון אז רעדן און נישט רעדן ליגענט, איז שווערער ווי בכלל נישט צו רעדן, האט ער געקלערט אז איין טאג וועט ער גארנישט רעדן, ממילא וועט ער נישט רעדן קיין ליגענט, און סוף כל סוף, וועט ער האבן עולם הבא.

די קומעדיגע טאג האט ער האט זיך איינגעשפארט אין א צימער א גאנצע טאג, אזוי זאל ער נישט צוקומען צו דארפן רעדן מיט קיין שום מענטש, נישט דארפן צוקומען אויך נישט זאגן שקר.

זיין משפחה האט נישט געוויסט וואס גייט פאר, זענען זיי געקומען געהאקט אויפן טיר, אין קול ואין עונה, האבן זיי מחליט געווען אויפצוברעכן די טיר, ווען ער האט געזען ווי דער מצב האלט האט ער געעפענט און געווינקען אז **היינט רעד איך נישט.**

**דוּרְכְדֶעם** וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹנֵן אִין דִי מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל אוּן אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים וָואס רֶעדְן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱמֶת אוּן דֶער שַׁאנְדֶע פוּן שֶׁקֶר, וֶוערְט עֶר נִתְעוֹרֵר זִיךְ צוּ הִיטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

**אַ** שְׁטַארְקֶער יְסוֹד שְׁטֵייט אִין סֵפֶר עַרְבֵי נַחַל (פרשת נח דרוש ב) אוֹיבּ מֶען אַרְבֶּעט אוֹיף דִי מִדַת הָאֱמֶת נֶעמְט עֶס אַרוּם דִי טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן אוּן מְ'וֶוערְט גָאר דֶערְהוֹיבְּן, עֶר אִיז מַסְבִּיר אַז יֶעדֶע דִבּוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ הָאט גָאר אַ שְׁטַארְקֶער הַשְׁפָּעָה אוֹיף דִי מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ אִיז דָאס הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער, וֶוערְט זַיין נְשָׁמָה דֶערְהוֹיבְּן, ווִידֶער אוֹיבּ חַס וְחָלִילָה אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין אָפְּגֶעהִיטֶענֶע וֶוערְטֶער, וֶוערְט זַיין נְשָׁמָה פַארְשְׁמִירְט אוּן שְׁמוּצִיג ה' יְרַחֵם, אָבֶּער אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט דִבְרֵי רְשׁוּת, נִישְׁט סְפֶּעצִיעֶל הֵיילִיג, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קֶעגְן דִי תּוֹרָה, הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער נִישְׁט קֵיין רוֹשֶׁם נִישְׁט אוֹיף גוּטְס אוּן נִישְׁט אוֹיף שְׁלֶעכְטְס.

**זָאגְט** אָבֶּער דֶער עַרְבֵי נַחַל, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גִיבְּט אַכְטוּנְג אוּן עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג נָאר אֱמֶת, **וֶוערְט אוֹיךְ זַיינֶע דִבְרֵי רְשׁוּת דֶערְהוֹיבְּן**, וַוייל אִין אַלֶע זַיינֶע דִבּוּרִים הָאט עֶר אַ קִיּוּם מִצְוָה פוּן רֶעדְן אֱמֶת.

**אִין** נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ (פָּרָשַׁת תְּרוּמָה) שְׁטֵייט אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף צוּבְּרֶעכְן פוּן זִיךְ דֶער מִדַת הַשֶׁקֶר בִּיז צוּם סוֹף, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר מִמֵילָא אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע מִדוֹת טוֹבוֹת אוּן אַלֶע מִדוֹת רָעוֹת וֶועלְן וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן.

## דוֹבֵר אֱמֶת אֲפִלוּ בִּלְבָבוֹ

**דֶער** מְסִלַת יְשָׁרִים (פרק י"א) רֶעדְט אַרוּם וֶועגְן מִדַת הַשֶׁקֶר, אוּן עֶר שְׁרֵייבְּט אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן דֶערְמַאנְט אוֹיבְּן אַז דִי תּוֹרָה זָאגְט נִישְׁט **מִשֶׁקֶר תִּשְׁמֹר**, מְ'זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן שֶׁקֶר, נָאר **מִדְבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק**, אַז מֶען זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן לִיגְנְט, אוּנְז צוּ מְעוֹרֵר זַיין וִוי וַוייט מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי מִדָה פוּן שֶׁקֶר.

**דֶער** מְסִלַת יְשָׁרִים דֶערְמַאנְט דָאס וָואס חֲזַ"ל (מכות כד.) לָאזְן אוּנְז הֶערְן מִיט דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַב סַפְרָא, דֶער גְרוֹיסֶער חִיּוּב וָואס עֶר אִיז דָא צוּ רֶעדְן אֱמֶת אֲפִלוּ בִּלְבָבוֹ.

**רַב** סַפְרָא הָאט פַארְקוֹיפְט חֲפֵצִים, אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּ קוֹיפְן אַ זַאךְ אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט רַב סַפְרָא צִי דִי פְּרֵייז אִיז אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אָבֶּער ווִיבַּאלְד רַב סַפְרָא הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן לֵיינֶען

---

**אה ב"ה מצליח געווען!**

למעשה סוף טאג איז געקומען א גוי בארגן א האק, און דער איד האט געווינקען אז ער האט נישט, סוף טאג ווען ער האט געמיינט אז ער האט מצליח געווען, זעט ער ווי עס שטעקט זיך ארויס אונטערן בעט א האק, איז ער געווארן זייער צובראכן, איז ער געלאפען צום רבי רבי אלימלך פארציילן די מעשה: האט דער רבי רבי אלימלך אים מסביר געווען אז מדת האמת איז מען נישט קונה אין איין טאג, מ'דארף הארעווען און זיך פלאגען און צום סוף איז מען זוכה דערצו.

'קְרִיאַת שְׁמַע' הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, וְוען דֶער סוֹחֵר הָאט גֶעזֶען אַז רַב סַפְרָא מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּהְן, אִיז עֶר אַרוּיף מִיטְן פְּרֵייז, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר רַב סַפְרָא אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ צָאלְן מֶער, וְוען רַב סַפְרָא הָאט גֶעעֶנְדִיגְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען מֶער גֶעלְט וְוי זֵיין מַחֲשָׁבָה אִיז גֶעוֶוען אָנְפַאנְג, ווייל עֶר הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דֶעם 'וְדֹבֵר אֱמֶת בִּלְבָבוֹ'.

# פָּרָשַׁת שְׁקָלִים

☆ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל ☆ נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא גַאנְצֶע זַאךְ וְוי אַ צוּבְּרָאכְן הַארְץ ☆ אַלְס אִיז פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים ☆ דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה בַּיים בְּרֶענְגֶען דִי שְׁקָלִים ☆ דִי מַעֲשֶׂה פוּן אַחְאָב אוּן אִיזֶבֶל ☆ בִּשְׁעַת דִי קְרִיאָה – מְעוֹרֵר זַיין דִי גְאוּלָה

## מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל

**דִי** שַׁבָּת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'שַׁבָּת שְׁקָלִים', צוּלִיב דֶעם וָואס מֶען לֵיינְט אִין דִי תּוֹרָה דִי פַּרְשָׁה פוּן 'שְׁקָלִים'. דֶערִיבֶּער אִיז אַצִינְד דֶער פַּאסִיגֶע צַייט צוּ דוּרְךְ לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דֶער עִנְיָן אוּן דִי תּוֹכְן פוּן דִי קְרִיאָה פוּן 'שְׁקָלִים'.[יא]

**דִי** חַכְמֵי הַדּוֹר הָאבְּן צוּגֶעלֵייגְט פִיר קְרִיאוֹת צוּ דִי תּוֹרָה, 'שְׁקָלִים, זָכוֹר, פָּרָה אוּן הַחֹדֶשׁ'. לָאמִיר לֶערְנֶען אוּן אַרֵיין קוּקְן אִין דִי תּוֹכְן פוּן פָּרָשַׁת שְׁקָלִים.

**דִי** מִצְוָה פוּן שְׁקָלִים אִיז, אַז יֶעדֶע יָאר אִין דִי צַייט [חֹדֶשׁ אֲדָר] הָאט יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען טִישְׁלֶער אִין אַלֶע שְׁטֶעט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ מֶען הָאט גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען דִי מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע פּוּשְׁקֶע אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אוּן מִיט דִי גֶעלְט פוּן דִי מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל הָאט מֶען גֶענוּצְט פַאר קָרְבָּנוֹת הַתְּמִידִים, [יֶעדְן טָאג הָאט מֶען מַקְרִיב גֶעוֶוען אַ קָרְבָּן

---

**יא.** הרה"ק ר' פנחס קאריצער זי"ע פלעגט שטענדיג זאגן **"איך ווארט שוין אויף שבת שקלים, איך וויל זיך שוין טרעפן מיט די פיר פרשיות, איך וויל זיך שוין טרעפן מיטן אייבערשטן!"**

עס שטייט אין קדשת לוי, אז די ד' פרשיות זענען אנטקעגן די ד' אותיות הקדושים פון דעם שם הוי"ה, און שבת שקלים איז אנטקעגן די לעצטע אות ה"א.

'תָּמִיד' אִינְדֶעפְּרִי און נָאכְמִיטָאג]. יֶעדֶע אִיד הָאט גֶעהַאט אַ חֵלֶק אִין דִי קָרְבָּנוֹת הַתְּמִידִים.

**יֶעדֶע** יָאר הָאט מֶען גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען דִי תְּמִידִים מִיט דִי נַייעֶר גֶעלְט פוּן דִי יָאר, און מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען פוּן גֶעלְט וָואס אִיז אִיבֶּער גֶעבְּלִיבְּן פוּן אַ פְרִיעֶרְדִיגֶע יָאר, ווייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כח יד) 'זֹאת עוֹלַת חֹדֶשׁ בְּחָדְשׁוֹ', און דִי גְּמָרָא (מְגִלָּה כט ב) טַייטְשְׁט דִי פָּסוּק **חַדֵּשׁ וְהָבֵא**, אַז מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען דִי קָרְבָּנוֹת צִבּוּר פוּן דִי נַייעֶ גֶעלְט.

**פוּן** רֹאשׁ חֹדֶשׁ נִיסָן הָאט מֶען שׁוֹין גֶעבְּרֶענְגְט דִי קָרְבָּנוֹת פוּן דִי נַייעֶר גֶעלְטֶער, דֶערפַאר הָאט מֶען שׁוֹין אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ דֶערְמַאנֶען דִי אִידְן אִיבֶּער דִי מִצְוָה פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, פוּן רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֲדָר (גמרא שם). וָואס הָאט מֶען גֶעטוּען מִיט דִי אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע פוּן דִי גֶעלְט פוּן דִי פַארגַאנְגֶענֶער יָארְן? מֶען הָאט עֶס אַוֶועקְגֶעלֵייגְט פַאר 'בֶּדֶק הַבַּיִת' - אוֹיבּ מֶען הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט פַארְרֶעכְטְן אִין דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט מֶען עֶס פַארְרָאכְטְן מִיט דִי גֶעלְט.

**מִמֵּילָא** הָאבְּן דִי חֲכָמִים מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַז דִי לֶעצְטֶע שַׁבָּת פַאר רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֲדָר זָאל מֶען לֵיינֶען פָּרָשַׁת שְׁקָלִים.[יב]

## נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא גַאנְצֶע זַאךְ וִוי אַ צוּבְּרָאכְן הַארְץ

**דֶער** מִצְוָה אִיז צוּ בְּרֶענְגֶן גֶענוֹי אַ "מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל" - אַ הַאלְבֶּע שֶׁקֶל. פַארְוָואס דַוְקָא אַ הַאלְבֶּע?

**עֶס** שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (יִתְרוֹ פו) אַז דִי בְּחִינָה פוּן **'צְלוֹתָא דְּעָנִי'** אַ גֶעבֶּעט פוּן אַן אָרִימַאן אִיז גְרֶעסֶער וִוי דִי בְּחִינָה פוּן **'תְּפִלָּה לְמשֶׁה'** וִוי וֶוען משֶׁה רַבֵּנוּ הָאט גֶעבֶּעטְן.

**דִי** פְּשָׁט פוּן דֶעם אִיז: אִין תְּהִלִּים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט צְוֵויי סָארְטְן תְּפִלּוֹת, סְ'דָא אַ גֶעבֶּעט פוּן אַן אָרֶעמַאן (תְּהִלִּים קאפיטל קב) "**תְּפִלָּה לְעָנִי** אַ תְּפִלָּה פַאר אַן אָרִימַאן **כִּי יַעֲטֹף** וֶוען עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ צָרָה. און דִי גַאנְצֶע קַאפִּיטְל אִיז אַ תְּפִלָּה, וִוי דָּוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט זִיךְ בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וִוי אַן אָרִימַאן וָואס אִיז אִין אַ צָרָה. 'תְּפִלָּה לְעָנִי' דָאס אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט זִיךְ בַּיים בַּאשֶׁעפֶער וֶוען עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט און עֶר אִיז גָארְנִישְׁט, אַזוֹי וִוי אַן אָרִימַאן.

**און** עֶס אִיז אוֹיךְ דָא 'תְּפִלָּה לְמשֶׁה' (תְּהִלִּים קאפיטל צ) "**תְּפִלָּה לְמשֶׁה** אַ תְּפִלָּה פַאר משֶׁה רַבֵּנוּ **אִישׁ הָאֱלֹקִים** דֶער גֶ-טְלִיכֶער מַאן וְגוֹ'". און דִי גַאנְצֶע קַאפִּיטְל אִיז אַ תְּפִלָּה, וִוי דָּוִד הַמֶּלֶךְ דַאוֶוענְט מִיט גְרוֹיסֶע כַּוָּנוֹת און הַשָּׂגוֹת, און עֶר רֶעדְט אַרוּם פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער. אַזוֹי וִוי משֶׁה רַבֵּנוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (במדבר יב ח) "פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֶּר בּוֹ".

---

**יב.** דער חיד"א ברענגט אראפ פון ר' יהודה החסיד, אז די קריאה פון שקלים איז א דאורייתא – א הלכה למשה מסיני [ס'איז א שיטה יחידאה וואס מען פסקנ'ט נישט אזוי].

**זָאגְט** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז דִי **תְּפִלָּה לְעָנִי** דִי תְּפִלָּה וָוען דֶער מֶענְטְשׁ שֶׁפִּירְט זִיךְ ווִי אַן עָנִי, אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערד, אִיז גְרֶעסֶער ווִי אַ **תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה**, ווִיבַּאלְד אַ צוּבְּרָאכְן הַארְץ אִיז חָשׁוּבְ'ע פוּן אַלֶעם, קָרוֹב ה' לְנִשְׁבְּרֵי לֵב![יג]

**נָאךְ** שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (בָּלָק קצה א): אַז וָוען דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי תְּפִלָּה פוּן אַן אָרִימַאן, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעטוּען זַיינֶע קֶענִיגְלִיכֶע קְלֵיידֶער אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דִי עֶרְד אַזוֹי ווִי אַן אָרִימַאן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעדַאווְנְט. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "עֲנֵנִי עֶנְטְפֶער מִיר **כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי** ווַייל אִיךְ בִּין אַן אָרִימַאן" (תְּהִלִּים פו א), עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים הֶעלְפְן ווַייל עֶר אִיז אַן אָרִימַאן. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעפְרֶעגְט "דָּוִד! בִּיסְטוּ דֶען נִישְׁט אַ קֶענִיג, וָואס גֶעוועלְטִיגְט אוֹיף שְׁטַארְקֶע קֶענִיגְן? אוּן דוּ מַאכְסְט זִיךְ פַאר אַן אָרִימַאן". הָאט דָּוִד הַמֶּלֶךְ צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "**שָׁמְרָה נַפְשִׁי** הִיט אָפּ מֵיין זֶעל **כִּי חָסִיד אָנִי** ווַייל אִיךְ בִּין אַ חָסִיד".

**פְרֶעגְט** אוֹיף דֶעם הרה"ק ר' פִּנְחָס קָארִיצֶער זי"ע, וָואס אִיז דָא גֶעוֶוען דֶער שְׁאֵלָה וּתְשׁוּבָה, דִי קַשְׁיָא כִּבְיָכוֹל פוּן הַשֵּׁי"ת אִיז דָאךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, וָואס אִיז דָאס '**כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן עָנִי**' דָּוִד הַמֶּלֶךְ וֵויסְט דֶען נִישְׁט אַז עֶר אִיז דֶער קֶענִיג פוּן דִי אִידְן, אוּן אַז אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל גֵייט דוּרְךְ אִים? וָואס אִיז דָאס וָואס עֶר עֶנְטְפֶערְט **כִּי חָסִיד אָנִי**, ווִי לִיגְט דָא דֶער תֵּירוּץ?

**עֶר** עֶנְטְפֶערְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע יְסוֹד, מִיט דֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט "וֶוען אַ אִיד זִיצְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶס לִיגְט עֶסְן אוֹיפְן טִישׁ, מֵיינְט דָאס נָאכְנִישְׁט אַז עֶר וֶועט קֶענֶען עֶסְן פוּן דֶעם. ווַייל בִּיז הַשֵּׁי"ת גֶעבְּט רְשׁוּת צוּ עֶסְן, קֶען מֶען נִישְׁט עֶסְן". קוּמְט אוֹיס אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ גְרוֹיסֶער עָשִׁיר, דָאךְ אִיז עֶר אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן, בִּיז ווִילַאנְג הַשֵּׁי"ת אִיז נִישְׁט גּוֹזֵר אַז עֶר זָאל קֶענֶען הֲנָאָה הָאבְּן פוּן זַיין פַארְמֶעגְן!

**אוּן** אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דָאס גֶעדֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג אוּן דַאנְקֶען הַשֵּׁי"ת אוֹיף דֶעם וָואס עֶר קֶען הֲנָאָה הָאבְּן פוּן זַיין פַארְמֶעגְן. עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר פִיל מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶּער דֶער דָאקְטָאר לָאזְט זֵיי נִישְׁט עֶסְן גֶעווִיסֶע זַאכְן. אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט עָגְמַת נֶפֶשׁ וָואס הַאלְט זֵיי צוּרִיק פוּן צוּ קֶענֶען הֲנָאָה הָאבְּן פוּן זֵייעֶר פַארְמֶעגְן. אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּ עֶסְן אוּן עֶר הָאט אַפֶּעטִיט אוּן עֶר אִיז גֶעזוּנְט, דַארְף עֶר עֶקְסְטְרֶע דַאנְקֶען הַשֵּׁי"ת פַאר דֶעם, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעלְט אִיז עֶר שׁוֹין פַארְזִיכֶערְט[יד].

**יג.** דער צאנזער רב זי"ע האט געזאגט "איך האב נישט מורא פון קיין מלאכים שרפים ואופנים וכו', נאר פון איין זאך ציטערט איך: ווען א צעבראכן הארץ געבט א קרעכטץ...!"

**יד.** א מענטש קען האבן עשירות אזוי ווי קרח און ער קען עס פארלירן אין איין טאג. אמאל

**דָאס** הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ פַארְשְׁטַאנֶען, אַז כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז דֶער מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל, אוּן טְרָאץ זַיין שְׁטַארְקַייט אוּן רַייכְטוּם, אִיז עֶר אָבֶּער אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן, וַוייל עֶר דַארְף צוּקוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף צוּ קֶענֶען הֲנָאָה הָאבְּן אוּן זִיךְ צוּ קֶענֶען בַּאנוּצֶען מִיט זַיין רַייכְטוּם, אוּן דָאס הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט וֶוען השי"ת הָאט אֵים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר הַאלְט זִיךְ פַאר אַן עָנִי, "אִיךְ בִּין אַ חָסִיד!" אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דִי גֶעלְט אִיז נִישְׁט מַיינְס, אוּן אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּרִירְן צוּ דִי אַלֶע נְכָסִים אָן דֶעם וָואס דוּ זָאלְסְט מִיר עֶרְמֶעגְלִיכְן דֶערְצוּ!

**אַלְס אִיז פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים**

**אַזוֹי** זֶען מִיר טַאקֶע אַז וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס פְּטִירָה אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, פַארְצֵיילְט דִי גְּמָרָא (שבת ל.) אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶּער אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן נָאךְ אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶעבְּן בִּיז מוֹצָאֵי שַׁבָּת, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט, וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דִי צַייט פַאר שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ צוּ קֶענִיגְן.

**אוּן** דָאס אִיז טַאקֶע דִי יְסוֹד פוּן חֲסִידוּת, צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז אַלְס אִיז פוּן השי"ת, בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית. אוּן אוֹיבּ אַלְס אִיז פוּן אִים, אִיז גָארְנִישְׁט מַיינְס.

---

קען די געלט ווערן פארלוירן פון אים, און אמאל קען ער ווערן פארלוירן פון די געלט. אזוי ווי ס'ווערט דערציילט, אז א איד איז אמאל געקומען צום חפץ חיים, און ער האט זיך באקלאגט אז ער האט פראבלעמען אין אמונה. האט דער חפץ חיים אים געפרעגט: "וואס איז די פראבלעם?" האט דער איד געענטפערט "איך האב ב"ה אסאך געלט און נכסים, און עס איז מיר שווער צו גלייבן אז השי"ת קען אין איין רגע צונעמען פון מיר מיין גאנצע פארמעגן, ער וועט ממש דארפן איבערקערן א האלבע וועלט כדי צו צונעמען פון מיר מיינע אלע נכסים". האט דער חפץ חיים אים געזאגט: דער רבש"ע דארף נישט אוועקנעמען דיין פארמעגן פון דיר, ער קען דיר אוועקנעמען פון דיין פארמעגן... דער רבש"ע געבט דיר לעבן און געזונט און פרייהייט יעדע רגע. אסאך אידן האבן געהאט אסאך געלט און זיי זענען געבליבן מיט א קליין שטח פון דריי אמות ביי איין אמה, מיט ווייסע קליידער...

א עקסטרע זכות דארף מען האבן צו קענען עסן. חלילה א שלעכטע בשורה קען אוועק נעמען די גאנצע אפעטיט פון עסן. צדיקים האבן נישט געקענט עסן אפילו צוליב א צרה פון א פרעמדן מענטש – הרה"ק רבי איציקל פשעווארסקער זי"ע האט זיך אמאל געזעצט עסן שפעט נאכמיטאג, נאך וואס ער האט נישט געגעסן א גאנצן טאג. גלייך ווי ער האט זיך געוואלט וואשן, איז א איד אריינגעקומען און ער האט אנגעפאנגען אויסגיסן זיין הארץ איבער זיין ביטערע מצב, און ער האט אויפגעהאלטן דעם רבי'ן פאר א לענגערע צייט. ווען ער האט געענדיגט האט רבי איציקל זי"ע גלייך אוועקגעלייגט די טעפל און די האנטוך, און ער האט ארויסגענומען דעם תהלים'ל און אנגעפאנגען צו זאגן תהלים. און די גבאים האבן זיך געבעטן ביי אים אז ער זאל זיך קודם וואשן ווייל ער האט נאכנישט געגעסן יענעם טאג. אבער רבי איציק'ל האט געענטפערט "איך קען נישט עסן נאכן הערן א איד'ס ווייטאג. נישט פאר דעם בין איך א רבי, אז איך זאל זיך זעצן עסן נאכן הערן די צער פון א אידו!"

**און** מִיט דֶעם אִיז הרה"ק ר' פִּנְחָס קָארִיצֶער זיע"א מַסְבִּיר דִי עִנְיָן פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, אַז דָאס קוּמְט צוּ וַוייזְן אַז וָואס מֶען זָאל נָאר הָאבְּן, אִיז נָאר אַ הַאלְבּ, און דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אֵייבִּיג צוּקוּמֶען צוּ דִי בְּרָכָה פוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער צוּ קֶענֶען נֶהֱנֶה זַיין פוּן דִי זַאךְ וָואס עֶר הָאט, קֵיינְמָאל אִיז נִישְׁט פַארְהַאן אַ מַצָּב וָואס עֶפֶּעס אִיז אִינְגַאנְצְן אִין זֵיינֶע הֶענְט, און דָאס בְּרֶענְגְט אֵייבִּיג צוּ בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער, און זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף וָואס עֶר הָאט יָא. און דוּרְךְ דֶעם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ טוּט בַּאקוּמֶען דָאס אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן, וֶוערְט עֶר אַזוֹי בְּשִׂמְחָה און עֶר לֶעבְּט מִיט צוּפְרִידְנְקֵייט און עֶר אִיז דַאנְקְבַּאר צוּ השי"ת אוֹיף אַלֶעס.

## דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה בַּיים בְּרֶענְגֶען דִי שְׁקָלִים

**מִיט** דֶעם פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר אוֹיךְ דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין שְׂפַת אֱמֶת אוֹיף דָאס וָואס חַזַ"ל (תענית כט.) זָאגְן **'מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה'**, זָאגְט דֶער שְׂפַת אֱמֶת, וָואס אִיז דִי שִׂמְחָה, אוֹיבּ דֶער שִׂמְחָה אִיז צוּלִיבּ דֶעם יו"ט פּוּרִים, פַארְוָואס דַארְף מֶען שׁוֹין זַיין בְּשִׂמְחָה פוּן אָנְפַאנְג חוֹדֶשׁ? נָאר וָואס דֶען דֶער שִׂמְחָה אִיז אוֹיף דֶעם וָואס מֶען הָאט רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֲדָר אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶענְגְן דִי שְׁקָלִים. וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פַאר דִי אִידְן נָאךְ אַזַא פְרֵיילִיכֶע צַייט ווִי וֶוען מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, וָואס מִיט דֶעם הָאט מֶען גֶעקֶענְט קוֹיפְן און מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת.

## דִי מַעֲשֶׂה פוּן אַחְאָב און אִיזֶבֶל

**דִי** פָאלְגֶענְדֶע מַעֲשֶׂה שְׁטֵייט דִי וָואךְ בַּיי דִי הַפְטוֹרָה, און דָאס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי מָעֲמָד פוּן בְּרֶענְגֶען דִי שְׁקָלִים.[טו]

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וָואס הָאט גֶעהֵייסְן 'אַחְאָב בֶּן עָמְרִי' און זַיין פְרוֹי הָאט גֶעהֵייסְן 'אִיזֶבֶל', און זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע רְשָׁעִים עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה. און 'יְהוֹשָׁפָט' דֶער מֶלֶךְ יְהוּדָה [וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִּיק] הָאט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען מִיט אַחְאָב, - 'יְהוֹרָם' דֶער זוּן פוּן יְהוֹשָׁפָט הָאט חַתוּנָה גֶעהַאט מִיט 'עֲתַלְיָהוּ' דִי טָאכְטֶער פוּן אַחְאָב - [עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז זִי אִיז גֶעוֶוען זַיין שְׁוֶועסְטֶער דִי טָאכְטֶער פוּן זַיין טַאטֶע עָמְרִי].

**וֶוען** יְהוֹשָׁפָט אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן הָאט יְהוֹרָם אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי מַלְכוּת יְהוּדָה, עֶר הָאט אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט זַיינֶע בְּרִידֶער, און עֶר הָאט גֶעפִירְט דִי אִידְן אִין שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן, וֶוערְנְדִיג נָאךְ גֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זַיין שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי דִי טָאכְטֶער פוּן אַחְאָב. אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו צוּ יְהוֹרָם [שׁוֹין נָאךְ וָואס אֵלִיָּהוּ אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל] אַז צוּלִיבּ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וֶועט השי"ת

---

**טו.** דרך אגב איז וויכטיג צו וויסן, אז עס איז דא א חיוב צו לערנען די הפטורה, פונקט ווי עס איז דא א מצוה צו לערנען חומש מיט רש"י. זאגן די הפטורה, איז א מצוה דרבנן פונקט ווי עסן מצה די צווייטע נאכט פסח אדער שאקלען לולב פון די צווייטע טאג סוכות און ווייטער.

אויס'הַרגְ'נֶען זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, און עֶר אַלֵיין וֶועט שְׁטַארְבְּן מִיט בִּיטֶערֶע קְרֶענְק.

**אַזוֹי** אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז דִי פְּלִשְׁתִּים און דִי אַרַאבֶּער הָאבְּן מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט אִים, און זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶע'הַרגֶ'עט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, און עֶר אַלֵיין אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן מִיט אַ שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק, נָאר זַיין זוּן 'אֲחַזְיָהוּ' אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן, און אֲחַזְיָהוּ אִיז גֶעוָוארְן מֶלֶךְ, עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע רָשָׁע און עֶר הָאט מַחֲטִיא גֶעוֶוען דִי אִידְן, אֲחַזְיָהוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען מִיט יְהוֹרָם דֶער זוּן פוּן אַחְאָב אוֹיף אַ מִלְחָמָה קֶעגְן 'חֲזָאֵל' דֶער קֶענִיג פוּן אֲרַם, און יְהוֹרָם בֶּן אַחְאָב אִיז פַארְוואוּנְדֶעט גֶעוָוארְן אִין דִי מִלְחָמָה, און אֲחַזְיָהוּ אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין, דָארְט הָאט עֶר גֶעפִינֶען 'יֵהוּא בֶּן נִמְשִׁי', וָואס הַשי"ת הָאט אִים גֶעזַאלְבְּט אַלְץ מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל [דוּרְךְ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא] אַז עֶר זָאל אוֹיס'הַרגְ'נֶען דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פוּן אַחְאָב, און עֶר הָאט גֶע'הַרגֶ'עט יְהוֹרָם און אֲחַזְיָהוּ.

**וֶוען** אֲחַזְיָהוּ בֶּן יְהוֹרָם מֶלֶךְ יְהוּדָה [וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ רָשָׁע] אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן הָאט זַיין מַאמֶע 'עֲתַלְיָהוּ' אוֹיסְגֶע'הַרגֶ'עט אַלֶע קִינְדֶער פוּן מַלְכוּת בֵּית דָּוִד [אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אִירֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער] און דִי שְׁוֶועסְטֶער פוּן אֲחַזְיָהוּ וָואס הָאט גֶעהֵייסְן 'יְהוֹשַׁבְעַת' [דִי פְרוֹי פוּן יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן] הָאט גֶענוּמֶען יוֹאָשׁ דֶער זוּן פוּן אֲחַזְיָהוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, און זִי הָאט אִים בַּאהַאלְטְן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִין דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק הֶעכֶער דִי קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים פַאר אַ מֶשֶׁךְ פוּן זֶעקְס יָאר.

**וֶוען** דָאס קִינְד יוֹאָשׁ אִיז אַלְט גֶעוָוארְן זִיבְּן יָאר, הָאט יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן צוּזַאמֶען גֶערוּפְן אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, און מֶען הָאט גֶעקְרוֹינְט דֶעם אִינְגֶעלֶע יוֹאָשׁ אַלְץ מֶלֶךְ יְהוּדָה, און מֶען הָאט גֶע'הַרגֶ'עט עֲתַלְיָהוּ. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (עֲבוֹדָה זָרָה מד.), אַז מֶען הָאט אִים אָנְגֶעטוּן דִי קְרוֹין פוּן זַיין זֵיידֶע דָּוִד הַמֶּלֶךְ, וָואס דָאס הָאט גֶעוואוֹיגְן אַ גַאנְצֶע כִּכַּר גָאלְד, און עֶס הָאט אִים גֶעפַּאסְט פוּנְקְט ווִי עֶס הָאט גֶעפַּאסְט פַאר דָּוִד הַמֶּלֶךְ. און יוֹאָשׁ הַמֶּלֶךְ הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַ תֵּיבָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, און אַלֶע אִידְן הָאבְּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט גֶעלְט אִין דִי קַאסְטְן, און מִיט דֶעם הָאט מֶען צוּרִיק אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט דִי הַאלְבּ חָרוּב גֶעוָוארֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

**און** דִי שִׂמְחָה וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְטְס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען זַייט דִי צַייט וֶוען שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעמַאכְט דִי חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ. עֶס שְׁטֵייט אַז שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעמַאכְט דִי חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ צְווִישְׁן רֹאשׁ הַשָּׁנָה און יוֹם כִּפּוּר, און פוּן גְרוֹיס פְרֵייד הָאבְּן אַלֶע אִידְן גֶעגֶעסְן אִין יֶענֶער יוֹם כִּפּוּר, אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "יֶעדֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז מְזֻמָּן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא" (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי מְלָכִים א רמז קצג), אַז זֵיי זֶענֶען אַרַיין גְלַייךְ אִין גַּן עֵדֶן אַזוֹי אוֹיךְ שְׁטֵייט אַז וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי לְוָיָה פוּן רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ אִיז מְזֻמָּן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא (כתובות קג ב, וְעַיֵּן תּוֹסְפוֹת שָׁם ד"ה מְזֻמָּן דְּהַיְנוּ בְּלִי דִּין וְחֶשְׁבּוֹן). און דִי זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען בַּיים בְּרֶענְגֶען דִי גֶעלְט

פַארְן אִיבֶּערְבּוֹיעֶן דִי בֵּית הַמִקְדָש אִין דִי צַייט פוּן יוֹאָש הַמֶלֶךְ.

**וָוען** מֶען זֶעהְט אֵיין אוּן מֶען אַנֶערְקֶענְט אַז אַלֶעס גֶעהֶערְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען קֶען גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען אָדֶער פַארְדִינֶען דוּרְךְ אֵייגֶענֶע אַרְבֶּעט, בְּרֶענְגְט דָאס אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ אַ מוֹרָא'דִיגֶע רוּאִיגְקֵייט אוּן הֶעכֶערֶע שִׂמְחָה. אָט דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה וֶוען מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם מַחֲצִית הַשֶׁקֶל, דִי אִידְן הָאבְּן אַנֶערְקֶענְט אַז אַ מֶענְטְשׁ פַאר זִיךְ אִיז נָאר הֶאלְבּ, אוּן נָאר מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטֶענְס הִילְף קֶען מֶען אָנְקוּמֶען דָארְט וואוּ מֶען וִויל אוּן דֶער אַנֶערְקֶענוּנְג הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה.

**בִּשְׁעַת דִי קְרִיאָה**
**- מְעוֹרֵר זַיין דִי גְאוּלָה**

**אוּן** אוֹיף דֶעם זֶענֶען מִיר מִתְפַּלֵל, אַז בְּקָרוֹב מַמָשׁ זָאלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה אוּן דִי גְרוֹיסֶע סְגוּלָה פוּן בְּרֶענְגֶען גֶעלְט אוֹיף צוּ קוֹיפְן קָרְבָּנוֹת אוּן פַאר בֶּדֶק הַבַּיִת.

**לַיידֶער** הָאבְּן אוּנְז נִישְׁט הַיינְט קֵיין בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּן קֵיין קָרְבָּנוֹת תְּמִידִין אוּן קֵיין מַחֲצִית הַשֶׁקֶל, אִיז אָבֶער כְּדַאי אַז וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיס דִי קְרִיאָה פוּן שְׁקָלִים זָאל מֶען אִינְזִין הָאבְּן זִיךְ מְעוֹרֵר צוּ זַיין צוּ דִי גְלוּסְטֶענִישׁ אוּן בֶּענְקֶענִישׁ צוּ בִּיאַת הַמָשִׁיחַ אוּן בִּנְיַן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן דָאס וֶועט וֶוערְן פַארְרֶעכְנְט פַאר אוּנְז אֲזוֹי וִוי מִיר וָואלְטְן גֶעבּוֹיעֶט דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ.